בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ק"ע

פרשת כי תבוא לאומאן
שנת תשפ"ו


## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## - אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ אִידִישׁ קִינְד -

### דֶער צִיל פוּן אַ מוֹסָד

וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן עֶפֶענֶען אַ מוֹסָד? מֶען עֶפְנְט נִישְׁט קֵיין מוֹסָד מִיטְן צִיל כְּדֵי צוּ קֶענֶען מַאכְן סֵדֶר מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין, אָדֶער אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אָן זִיךְ רִירְן פוּן פְּלַאץ, אוּן זִיכֶער נִישְׁט כְּדֵי עֶס זָאל דִינֶען אַלְס אַ פְּלַאץ פַאר דִי מְחַנְּכִים וואוּ זֵיי וֶועלְן בַּאקוּמֶען כָּבוֹד אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי פָאלְגְן.

דֶער גַאנְצֶער תַּכְלִית פוּן אַ מוֹסָד אִיז בְּלוֹיז מֶען זָאל קֶענֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, לֶערְנֶען מִיט זֵיי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן זֵיי גֶעבְּן וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט. נָאר כְּדֵי דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְלֶערְנֶען, מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן דִיסְצִיפְּלִין; אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט דֶער עִיקָר צִיל, דָאס אִיז בְּלוֹיז אַ הֲכָנָה אָנְצוּגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער אַז וֶוען מֶען וֶועט אָנְקוּמֶען צוּם צִיל - זָאל עֶס הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע הַשְׁפָּעָה.

מֶען קֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֶעקְן אַ גַאנְץ יָאר נָאר בַּיי דִיסְצִיפְּלִין, אוּן אַ גַאנְץ יָאר פְּרַאסְקֶענֶען דִי קִינְדֶער צוּלִיבּ דֶעם. מֶען דַארְף זֶען צוּצוּקוּמֶען צוּם אֱמֶת'ן צִיל פוּן זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער דוּרְךְ זָאגְן פַאר יֶעדְן קִינְד: **"דוּ בִּיסְט אַ גוּט קִינְד"**.

### אַרַיינְבְּלָאזְן אַ חַיּוּת

דֶער פְלִיכְט פוּן אַ מְחַנֵּךְ אִיז אַרַיינְצוּבְּלָאזְן אִין יֶעדְן קִינְד אַ חַיּוּת אוּן אַ לֶעבְּהַאפְט; גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל, אַ גְלֶעט אוּן אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדְן קִינְד. דָאס אִיז 'לֶעבְּן' פַאר דִי קִינְדֶער.

עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אוּמְזִיכֶער מִיט זִיךְ אַלֵיין, זֵיי טְרַאכְטְן כְּסֵדֶר: 'מֶען דַארְף מִיךְ יָא? אָדֶער מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט?' 'בִּין אִיךְ עֶפֶּעס וֶוערְד? אָדֶער בִּין אִיךְ גָארְנִישְׁט וֶוערְד?' דָאס קוּמְט וַוייל זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן שְׁרַייעֶן אוֹיף זֵיי יֶעדֶע נַאכְט: **"דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן!"** אָדֶער **"דוּ קֶענְסְט גֵיין צוּ אַ צְוֵוייטֶע מִשְׁפָּחָה!"** אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער מַאכְן דָאס קִינְד שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד.

דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

### גֶעבְּן אַ גְלֶעט אוּן אַ שְׁמֵייכְל

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט טַאקֶע גֶעהֵייסְן אַז קִינְדֶער דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר אַ מְחַנֵּךְ, אָבֶער דָאס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז אַ מְחַנֵּךְ וֶוערְט אַזוֹי הוֹיכְגֶעשֶׁעצְט וִוי אַ מֶלֶךְ אָדֶער אַ מַלְכָּה, אַז עֶס זָאל שׁוֹין נִישְׁט פַּאסְן זִיךְ אַרָאפְּצוּבֵּייגְן צוּ אַ קִינְד אוּן אִים גֶעבְּן אַ גְלֶעט.

אוֹיבּ אַ קִינְד גֵייט אַייךְ אַרִיבֶּער, גֶעבְּט אִים אַ גְלֶעט אוּן אַ גוּט וָוארְט. עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל (חֵלֶק קא, מִכְתָּב כג אֶלֶף שלא) וואוּ מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט צוּ עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן פַּארְפִירְט אוֹיף אַ גֶעוִויסְן מְלַמֵּד, אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט וַוייל עֶר גְלֶעט דִי קִינְדֶער. הָאט זֵיי מוֹהֲרָא"שׁ צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן: **"אֶפְשָׁר זֶענֶען גָאר דִי עֶלְטֶערְן דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט... אַ מְלַמֵּד וָואס גְלֶעט זַיינֶע תַּלְמִידִים אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט אַלְס מְלַמֵּד גְלֶעטְן אוּן קוּשְׁן זַיינֶע תַּלְמִידִים; עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד וִוי אַ טַייעֶרֶע דִיאַמַאנְט, אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**.

### אַ קִינְד וָואס הָאט גֶעשְׁפֶּעטִיגְט

אוֹיבּ אַ קִינְד אִיז אָנְגֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט אִין כִּתָּה אוּן עֶס אִיז דָא אַ תַּקָּנָה אִינֶעם מוֹסָד אַז מֶען דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג צוּם קִינְד, מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז דֶער מְחַנֵּךְ זָאל אוֹיפְנֶעמֶען דָאס קִינְד מִיט אַ פָּנִים זוֹעֲפוֹת. זָאל דֶער מְנַהֵל אָדֶער דִי אָפִיס שְׁטַאבּ אוֹיסְפָּאלְגְן דָאס וָואס זֵיי הָאבְּן אַיינְגֶעפִירְט; דָאס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיטְן מְחַנֵּךְ. דֶער מְחַנֵּךְ דַארְף אוֹיפְנֶעמֶען דָאס קִינְד הַארְצִיג מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ פַאר אַ קִינְד וָואס הָאט פַארְשְׁפֶּעטִיגְט, אַז מֶען זָאל אִים אוֹיפְנֶעמֶען בְּרוֹגֶז'דִיג אוּן אִים פָארְהַאלְטְן: **"יֶעצְט קוּמְט מֶען?!"** אַ קִינְד אִיז דָאךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג פַארְן שְׁפֶּעטִיגְן. קֶען דֶען נִישְׁט פַּאסִירְן בַּיי אַ מְחַנֵּךְ אַלֵיין, אַז עֶר אָדֶער זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אַמָאל פַארְשְׁלָאפְן? עֶס קֶען זַיין אַז דָאס קִינְד הָאט בְּלוֹיז פַארְשְׁפֶּעטִיגְט מִיט אֵיין מִינוּט אוּן פַארְפַאסְט זַיין בָּאס, אוּן עֶר קֶען דָאךְ נִישְׁט קוּמֶען אַלֵיין; עֶר אִיז

אָנְגעווִיזְן אוֹיף זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן אִים מְסַדֵּר זַיין אַ וֶועג ווִיאַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען, און עס קען נעמען צייט ביז זיי טְרֶעפְן אַ וֶועג.

פַּארְוָואס זָאלְן קִינְדֶער בְּלַייבְּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן מִיט שְׁלֶעכְטֶע זִכְרוֹנוֹת פוּן זֵייעֶרֶע מְחַנְּכִים, אַז מֶען הָאט זֵיי גֶעפַּײנִיגְט אַלְס קִינְד פַאר שְׁפֶּעטִיגְן?!

זִיכֶער טָאר מֶען בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ קִינְד: **"גֵיי צוּרִיק אַהֵיים, מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען אַזוֹי שְׁפֶּעט"**. אוֹיסֶער דֶעם וָואס דָאס צֶעקְלַאפְּט דָאס קִינְד, אִיז דָאס אוֹיךְ פְּשׁוּט נִישְׁט שֵׂכֶל'דִיג; ווייל אוֹיבּ דִי אִיבְּרִיגֶע קִינְדֶער ווֶעלְן זֶען אַז פַארְן שְׁפֶּעטִיגְן ווֶערְט מֶען אַהֵיימְגֶעשִׁיקְט, ווֶעלְן עס אַלֶע נָאכְמַאכְן און קוּמֶען שְׁפֶּעט כְּדֵי צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן שְׁפִּילְן אִינְדֶערְהֵיים. בִּפְרַט ווען עס קוּמֶען דִי זוּמֶער טֶעג, ווֶעלְן אַלֶע קִינְדֶער ווֶעלְן בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה כְּדֵי צוּ קֶענֶען בּוֹיעֶן בּוּדְקֶעס אִין ווַאלְד; הָאט מֶען דָאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן.

### נִישְׁט רֶעדְן סַארְקַאסְטִישׁ

מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן צוּ קִינְדֶער סַארְקַאסְטִישׁ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: **"דוּ קֶענְסְט גֵיין זוּכְן אַ צְווֵייטֶע מוֹסָד!"** ווייל קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דֶעם סָארְט שְׁפְּרַאךְ.

וָואס זָאל אַ קִינְד טוּן ווען מֶען זָאגְט אִים: **"דוּ קֶענְסְט גֵיין צוּ אַ צְווֵייטֶע מוֹסָד"**? הָאט דֶען דָאס קִינְד אַלֵיין אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דֶעם מוֹסָד? און צִי ווייסְט אַ קִינְד בִּכְלַל ווִי אַזוֹי מֶען גֵייט אַרִיבֶּער צוּ אַן אַנְדֶערְן מוֹסָד? וָואס ווִילְסְטוּ דָא פוּנֶעם קִינְד? פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ צוּ אִים אַזוֹי קְרוּם?!

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז ווען מֶען זָאגְט פַאר אַ קִינְד: **"אַז דוּ פִּירְסְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיף, דַארְפְסְטוּ מֶער נִישְׁט קוּמֶען אִין כִּתָּה"**. וָואס זָאל דָאס קִינְד יֶעצְט טוּן? קַיין אֵיין קִינְד ווִיל דָאךְ בֶּאֱמֶת נִישְׁט קוּמֶען אִין חֵדֶר אָדֶער אִין שׁוּלֶע; דֶערְמַאנְט אַייךְ אַלֵיין ווִי אִיר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּמֶען לֶערְנֶען! אוּנְזֶער גַאנְצֶע אַרְבֶּעט אִיז טַאקֶע דָאס, אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער אַ חֵשֶׁק צוּ ווֶעלְן קוּמֶען אִין חֵדֶר און אִין שׁוּלֶע.

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ בָּחוּר בַּיי אוּנְז אִין "יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה". דֶער בָּחוּר אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל צוּרִיקְגֶעבְּלִיבְּן, און עֶר פְלֶעגְט אָנְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה בְּלוֹיז גֶעצֵיילְטֶע מָאל דוּרְכְאוֹיס דֶעם יָאר. אֵיין טָאג ווען עֶר אִיז עֶנְדְלִיךְ גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, הָאבּ אִיךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן צִי אִיךְ זָאל אִים פָארְהַאלְטְן פַארְוָואס עֶר קוּמְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג אָדֶער אִים עֶנְדֶערְשׁ גָארְנִישְׁט זָאגְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז אִיךְ זָאל פְּרוּבִּירְן צוּ מַאכְן אַ שְׁמוּעֶס מִיט אִים אִיבֶּער דֶעם.

אִיךְ בִּין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם בָּחוּר און אִים גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה?"** הָאט עֶר מִיר צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט מִיט אַ תְּמִימוּת: **"וָואס פַאר אַ מַעֲשֶׂה?"** הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען בְּלוֹיז אֵיין מָאל אַ זְמַן, דָא אִיז נִישְׁט קַיין כּוֹלֵל"**, הָאט עֶר מִיר צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: **"אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט; אוֹיבּ עס וָואלְט יָא גֶעוֶוען אַ כּוֹלֵל, ווָאלְט מֶען יָא גֶעקֶענְט קוּמֶען אֵיין מָאל אַ זְמַן?!"**

ווען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זַיינֶע ווֶערְטֶער, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'עֶר הָאט מִיר זֵייעֶר גוּט גֶעעֶנְטְפֶערְט, עס ווָאלְט אִים גֶעקוּמֶען אַ קוּשׁ אוֹיפְן שְׁטֶערְן... עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ נִישְׁט אַזוֹי קְלוּג און עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט ווען מֶען רֶעדְט צוּ אִים אוֹיף אַזַא אוֹפָן'.

דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען פַאר מִיר אַ לִימּוּד ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נָאכְנִישְׁט אַזוֹי קְלוּג. קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט ווען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי סַארְקַאסְטִישׁ; וָואס מֶען ווִיל זֵיי זָאגְן, דַארְף מֶען זָאגְן קְלָאר און דֵייטְלִיךְ.

### נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ אִיז חוּצְפָּה

אוֹיבּ אַ מְחַנֵּךְ זֶעט ווִי אַ קִינְד וַואלְגֶערְט זִיךְ טֶעגְלִיךְ אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, ווייל עֶר קֶען זִיךְ עֶפֶּעס נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט זַיין מְלַמֵּד אָדֶער לֶערֶערִין, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּצְוִויגֵיין צוּם קִינְד און צוּגִיסְן זַאלְץ אוֹיף זַיינֶע ווָאוּנְדְן דוּרְךְ אִים פָארְהַאלְטְן: **"וָואס גֵייט שׁוֹין ווַייטֶער פָאר?"**

מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן דָאס קִינְד און אִים גֶעבְּן לוֹפְט צוּם לֶעבְּן. זָאגְט פַארְן קִינְד: **"קוּם מִיר הֶעלְפְן מַאכְן קַאפֶּה"**, אָדֶער: **"הֶעלְף מִיר מְסַדֵּר זַיין מַיינֶע צֶעטְלֶעךְ"**, און דָאס גְלַייכְן, כְּדֵי דָאס קִינְד זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אִינְגַאנְצְן חָרוּב ווֶערְן.

נִישְׁט אֵייבִּיג ווען אַ קִינְד קוּמְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס מִיט זַיין מְחַנֵּךְ, מֵיינְט עס אַז דָאס קִינְד אִיז שׁוּלְדִיג; אִיר הָאט דָאךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט בֵּיידֶע צְדָדִים צוּ ווִיסְן ווער עס אִיז בֶּאֱמֶת שׁוּלְדִיג. עס זֶענֶען דָא מְחַנְּכִים ווָאס מַאכְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ אַ חוּצְפָּה. לְמָשָׁל, אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט אַ פְּסַק פַאר אַ קִינְד און דָאס קִינְד בְּלַייבְּט קוּקְן אוֹיפְן מְחַנֵּךְ, ווֶעט מֶען אִים פָּארְהַאלְטְן: **"פַארְוָואס קוּקְסְטוּ מִיר אַזוֹי אָן?!"** אוֹיבּ עֶר ווֶעט אַוֶועקְקוּקְן, ווֶעט מֶען אִים פָארְהַאלְטְן: **"פַארְוָואס קוּקְסְטוּ אַוֶועק? קוּק אוֹיף מִיר!"** אַזוֹי קֶען מֶען יֶעדֶע מִינוּט טְרֶעפְן חוּצְפּוֹת וָואס דָאס קִינְד בַּאגֵייט.

דִי חָכְמָה פוּן אַ מְחַנֵּךְ אִיז צוּ נִיצְן זַיין שֵׂכֶל און פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אַ קִינְד שְׁטֶערְט דִי כִּתָּה. גֶעווֶענְלִיךְ אִיז דִי סִיבָּה פְּשׁוּט ווייל דָאס קִינְד דַארְף אַבִּיסְל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט; עֶר טְרַאכְט: 'אֶפְשַׁר אַזוֹי ווֶעט מֶען אָנְהֵייבְּן קוּקְן אוֹיף מִיר'. דֶערְפַאר, אוֹיבּ דֶער מְחַנֵּךְ ווֶעט קוּקְן אוֹיף יֶעדְן קִינְד, גֶעבְּן פַאר יֶעדְן אַ שְׁמֵייכְל און אַ גְלֶעט, ווֶעט קֵיינֶער מֶער נִישְׁט זוּכְן צוּ שְׁטֶערְן דִי כִּתָּה.

מֶען מֶעג אַמָאל פַארְהַאלְטְן קִינְדֶער און רֶעדְן שְׁטְרֶענְג כְּדֵי מְחַזֵּק צוּ זַיין דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה, אָבֶּער אָנְשְׁטֶעמְפְּלֶען אַ קִינְד אַלְס אַ 'מְחוּצָף' און פִירְן חֶשְׁבּוֹנוֹת: 'ווֶער נָאךְ אִיז אַ מְחוּצָף? און ווֶער נָאךְ אִיז אַ מְחוּצָף?' - דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג.

טְרַאכְט אַרַיין: 'אֶפְשַׁר ווֶעט אֵיינֶע פוּן דִי קִינְדֶער אוֹיסְוַואקְסְן אַ מְחַנֵּךְ און מַיין קִינְד ווֶעט לֶערְנֶען בַּיי אִים אִין כִּתָּה, מִיט וָואס פַאר אַ פָּנִים ווֶעל אִיךְ אִים קֶענֶען בַּאגֶעגֶענֶען בַּיי אַן אֲסִיפַת הַהוֹרִים, ווען אִיךְ ווֶעל גֶעדֶענְקֶען ווִי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאצוֹיגְן צוּ אִים?!'

### אַ גֶעטְרֵייעֶר מְחַנֵּךְ אַרְבֶּעט מִיט הָאֶרֶץ

עס לוֹינְט נִישְׁט צוּ זַיין אַ מְחַנֵּךְ אַ גַאנְץ יָאר אוֹיבּ דֶער צִיל אִיז בְּלוֹיז כְּדֵי אַהֵיימְצוּבְּרֶענְגֶען דִי אָרֶעמֶע גֶעהַאלְט וָואס מֶען צָאלְט פַאר דִי אַײנְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין אַ מוֹסָד.

דָאס אִיז טַאקֶע דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶען צָאלְט אַזוֹי וֵויינִיג, וַוייל בֶּאֱמֶת קֶען מֶען דָאךְ נִישְׁט בַּאצָאלְן פַאר אַ מְחַנֵךְ; מֶען וָואלְט דָאךְ גֶעדַארְפְט בַּאצָאלְן יֶעדֶע וָואךְ כָאטְשׁ צְוֵויי דְרֵיי טוֹיזְנְט דָאלֶער. נָאר אוֹיבּ מֶען וָואלְט בַּאצָאלְט אַזוֹיפִיל, וָואלְט דָאךְ יֶעדֶער גֶעקוּמֶען אַרְבֶּעטְן אִין אַ מוֹסָד, דֶערְפַאר צָאלְט מֶען סְפֶּעצִיעֶל וֵויינִיג - אַ גֶעהַאלְט וָואס קֶען קוֹים דֶעקְן אַהֵיימְצוּבְּרֶענְגֶען אַבִּיסְל בְּרוֹיט אוֹיפְן טִישׁ - כְּדֵי עֶס זָאלְן נָאר קוּמֶען אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וִילְן עֶס בֶּאֱמֶת טוּן אוּן זֶענֶען גְרֵייט עֶס צוּ טוּן מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ.

אַ גֶעטְרֵייעֶר מְחַנֵךְ וָואס אַרְבֶּעט מִיט הַארְץ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיינֶע תַּלְמִידִים"**. אוּן דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן טַאקֶע וִוי שְׁטַארְק מֶען הָאט זֵיי לִיבּ.

זַיין גַאנְצֶע חִיּוּת אִין לֶעבְּן אִיז דָאס וָואס עֶר קֶען זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דִי פְּסוּקִים חוּמָשׁ, אוּן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוֹיבּ עֶר זֶעט וִוי אֵיין קִינְד בַּייסְט אַ צְוֵוייטְן, לָאזְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ צוּם קִינְד אוּן זָאגְט אִים אוֹיף אַ קִינְדֶערִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ: **"בַּייס נִישְׁט; אַ אִיד בַּייסְט נִישְׁט, אַ הוּנְט בַּייסְט. בֶּעט אִים אִיבֶּער אוּן זָאג אִים אַז דוּ גֵייסְט עֶס מֶער נִישְׁט טוּן"**.

## אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל

דֶער סוֹד פוּן חִינוּךְ אִיז אִיבֶּערְזָאגְן אוּן אִיבֶּערְזָאגְן יֶעדֶע זַאךְ אָן אַ שִׁיעוּר מָאל מִיט סַבְלָנוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵין חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שצא), אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעט וִוי אַלֶע דְרָשׁוֹת אוּן אַלֶעס וָואס מֶען טוּט מִיט אַ קִינְד גֵייט לְאִבּוּד - וֶועט דָאךְ אַרַיינְגֵיין אֵיין טְרָאפּ פוּן דִי חִיזוּק אוּן פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען רֶעדְט אוּן מֶען חַזֶר'ט, אוּן פוּן דֶעם וֶועלְן נָאךְ וֶוערְן שֵׁיינֶע זַאכְן. דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אַ מְחַנֵךְ; זַיין גְרֵייט אִיבֶּערְצוּזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיט סַבְלָנוּת אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

וֶוען אִיךְ הֶער מְחַנְכִים זִיךְ אָפְּרֶעדְן: **"דִי קִינְדֶער הֶערְן מִיךְ נִישְׁט אוֹיס"**, טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: 'אַוַדַאי הֶערְן זֵיי דִיךְ נִישְׁט אוֹיס, אַזוֹי גֵייט עֶס דָאךְ מִיט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער'.

אֶפְשָׁר אוֹיבּ מֶען אַרְבֶּעט אִין אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מוֹסָד וָואס אִיז גֶעאֵייגְנְט פַאר קְרַאנְקֶע קִינְדֶער רוּעֶן דִי קִינְדֶער אַיין, וַוייל זֵיי לִיגְן אִין דִי בֶּעטְלֶעךְ אוּן קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן, זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גֶעלֶעמְט; אָבֶּער גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי, אוּן מֶען דַארְף זֵיי אִיבֶּערְזָאגְן יֶעדֶע זַאךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

זָאגְט אַ מְחַנֵךְ: **"אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דָאךְ מַמָשׁ פְרִיעֶר גֶערֶעדְט וֶועגְן נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען, אוּן שׁוֹין הָאט אֵיינֶער נָאכְאַמָאל גֶעעֶפְּנְט מַיין לֶעדְל אוּן גֶע'גַנְבְ'עֶט קֶענְדִיס. אִיךְ מוּז אוֹיפְזוּכְן דֶעם גַנָב אוּן אִים גוּט מְסַדֵר זַיין אֵיין מָאל פַאר אַלֶעמָאל; אִיךְ וֶועל אִים אַרוּמְפִירְן אִין אַלֶע כִּיתּוֹת אוּן וַוייזְן פַאר יֶעדְן 'עֶר אִיז אַ גַנָב', כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט וַואגְן נָאכְאַמָאל צוּ גַנְבְ'עֶנֶען"** - דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן. מֶען טָאר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אַ קִינְד; אוֹיבּ אַ קִינְד הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט, קֶען מֶען אִים נֶעמֶען אִין אַ זַייט אוּן רֶעדְן צוּ אִים אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען, אוּן זָאגְן: **"אֲפִילוּ וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, זֶעט אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**.

פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ דֶעם קִינְד צוּ וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט? טְרַאכְט גוּט אַרַיין, וֶועט אִיר זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז אִיר הָאט אוֹיךְ גֶע'גַנְבְ'עֶט אַלְס קִינְד; אִיר הָאט אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען קֶענְדִיס פוּנֶעם מְלַמֵד'ס אָדֶער לֶערֶערִין'ס לֶעדְל.

## יֶעדֶעס וָוארְט אִיז אִינְפָארְמַאצְיֶע

אַ לֶערֶערִין הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ שְׁאֵלָה: **"אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט רֶעדְן צוּ מַיינֶע תַּלְמִידוֹת וֶועגְן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אוּן פַארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵוייטְן, אוּן גְלַייךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן כִּתָּה, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהֶערְט וִוי אֵיין קִינְד פַארְשֶׁעמְט אַ צְוֵוייטְן בָּרַבִּים; אִיךְ זֶע אַז דִי קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ זֵיי"**.

דֶער עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם אִיז: עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהֶערְט; קִינְדֶער הֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט, נָאר מֶען דַארְף עֶס אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

אִיךְ זֶע עֶס בַּיי מִיר אַלֵיין. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד אוּן מַיינֶע מְלַמְדִים הָאבְּן גֶערֶעדְט אִין כִּתָּה, אִיז מַיין קָאפּ בִּכְלַל נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען; אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט. מַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁפִּילְט אִין דִי דֶעמָאלְטְדִיגֶע שְׁפִּילֶערֵייעֶן; אִין דִי 'קוּגֶעלֶעךְ' (טְשֵׁייכְן), אוּן אִין דִי 'בִּיזְנֶעס קַארְדְס' (גֶעשֶׁעפְטְס קַארְטְלֶעךְ). אִיךְ הָאבּ גֶעפִירְט אַ גַאנְצֶע גֶעשֶׁעפְט מִיט קַארְטְלֶעךְ; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גַאנְצֶעטֶע שִׁיךְ בַּאקְסֶעס (פּוּשְׁקֶעס) פוּל מִיט קַארְטְלֶעךְ פוּן אַלֶע קָאלִירְן. אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ גֶעהַאט שְׁלוּחִים וָואס פְלֶעגְן גֵיין צוּזַאמְנֶעמֶען פַאר מִיר קַארְטְלֶעךְ בַּיי דִי גֶעשֶׁעפְטְן אוּן פִירְמֶעס. סוֹף וָואךְ, וֶוען מַיין טַאטֶע הָאט מִיר פַארְהֶערְט, הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט. מַיין טַאטֶע פְלֶעגְט גֶעבְּן אַ קְרֶעכְץ: 'אוֹי, וָואס וֶועט דָא זַיין?'...

אָבֶּער וָואס עֶלְטֶער אִיךְ וֶוער, דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ אַלְץ מֶער אוּן מֶער זַאכְן פוּן חֶדֶר. אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וִוי מַיינֶע מְלַמְדִים הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען אוּן מֶען דַארְף לֶערְנֶען, וַוייל נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. דָאס מַאכְט מִיר הַיינְט טְרַאכְטְן: 'אִיךְ גֵיי וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד'.

מֶען זֶעט פוּן דֶעם, אַז אַלֶע וֶוערְטֶער וָואס מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער גֵייעֶן אַרַיין אִין זֵייעֶר מֹחַ אַלְס 'אִינְפָארְמַאצְיֶע' וִוי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן. אַמָאל אִיז אַ קִינְד פָּשׁוּט פַארְשְׁפִּילְט, אַז דִי זַאכְן בְּלַייבְּן שְׁטֶעקְן אִין זַיין מֹחַ אוּן עֶר פִירְט עֶס דֶערְוַוייל נִישְׁט אוֹיס לְמַעֲשֶׂה; אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר וֶועט אוֹיפְוַואקְסְן, בַּיי דִי דְרַייסִיג פֶערְצִיג יָאר, וֶועט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען אִין אַלֶע שֵׁיינֶע דְרָשׁוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַלְס קִינְד, עֶר וֶועט עֶס אָנְהֵייבְּן אוֹיסְצוּפִירְן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

וואוֹיל אִיז פַאר דִי מְחַנְכִים וָואס לֵייגְן אַרַיין אִין דִי טַייעֶרֶע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט; דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט אוּן אַ גְלֶעט פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער, וֶועלְן דִי קִינְדֶער בְּלַייבְּן מִיט גָאר גוּטֶע זִכְרוֹנוֹת פוּן זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן, אוּן זֵיי וֶועלְן קֶענֶען מִיט נֶעמֶען אוֹיפְן גַאנְצְן לֶעבְּן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט מִיט זֵיי גֶעלֶערְנְט.

# בְּרִיוְו פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פַארְוָואס פָאלְגְט נִישְׁט דָאס קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, זֵיי זֶענֶען פַאר מִיר אַ בְּחִינָה פוּן מַיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה, אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק אוּן אִיךְ פַארְבֶּעסֶער זִיךְ אַסַאךְ דוּרְךְ דֶעם.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען וִויסְן אַ חִילוּק צִי אַ קִינְד טוּט נִישְׁט וָואס מֶען הָאט אִים גֶעהֵייסְן וַוייל עֶס אִיז אִים בֶּאֱמֶת שְׁוֶוער דָאס צוּ טוּן, אָדֶער נָאר וַוייל עֶר נוּצְט אוֹיס דִי שְׁוַואכְקֵייט פוּן דִי עֶלְטֶערְן?

אִיךְ קֶען אַמָאל הֶערְן וִוי דָאס קִינְד זָאגְט: "טַאטִי וֶועט הֵייסְן צְוֵויי דְרֵיי מָאל, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר פַארְגֶעסְן", אָדֶער: "אִיךְ וֶועל וַוארְטְן בִּיז מַאמִי הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אוּן אִיךְ וֶועל עֶס נִישְׁט דַארְפְן טוּן", וֶוען אִיךְ זֶע אַז דָאס קִינְד טוּט נִישְׁט וָואס מֶען הָאט אִים גֶעהֵייסְן, וִוי אַזוֹי וֵייס אִיךְ פַארְוָואס עֶר טוּט עֶס נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע, חִינוּךְ אִיז נִישְׁט גְרִינְג אָבֶער עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ אִינְוֶועסְטִירְן אִין דֶעם. קִינְדֶער וֶועלְן פְּרוּבִירְן מִיט אַלֶע וֶועגְן זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן הֶעלְפְן אוּן פָאלְגְן, אָבֶער וֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטַארְק, דִי עֶלְטֶערְן שְׁטֵייעֶן שְׁטַארְק אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן אוֹיף פָאלְגְן - וֶועלְן זֵיי פָאלְגְן אוּן הֶעלְפְן.

מֶען דַארְף קֶענֶען צֶעטֵיילְן שְׁלֶעכְט אוּן שְׁטְרֶענְג, שְׁלֶעכְט אִיז נִישְׁט שְׁטְרֶענְג אוּן שְׁטְרֶענְג אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, אַז מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער זָאלְן הֶעלְפְן אוּן פָאלְגְן, דָאס אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, דָאס אִיז רִיכְטִיג, אוּן אַז דִי קִינְדֶער וֵויינֶען אוּן פַארְפִירְן - טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן שְׁוַואךְ, נָאר וַוייטֶער מְחַנֵךְ זַיין צוּ טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, אָבֶער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט טָאר מֶען נִישְׁט וֵויי טוּן קִינְדֶער, זֵיי אוּנְטֶער רַייסְן, לַאכְן פוּן זֵיי, אוּן זֵיי טְשֶׁעפֶּענֶען, אוּן חַס וְשָׁלוֹם דֶערְשְׁרֶעקְן דִי קִינְדֶער.

פַארְלֵייג זִיךְ אוֹיף חִינוּךְ, דָאס זָאל זַיין בַּיי דִיר דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כח, יא): "וַיִּקַח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם", יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶענוּמֶען שְׁטֵיינֶער אַרוּם זַיין קָאפּ, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, יא): "רַבִּי יְהוּדָה אָמַר שְׁנֵים עֶשְׂרֵה אֲבָנִים נָטַל", יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶענוּמֶען צְוֶועלְף שְׁטֵיינֶער, "כַּךְ גָּזַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שֶׁהוּא מַעֲמִיד שְׁנֵים עָשָׂר שְׁבָטִים", וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז עֶר גֵייט אוֹיפְשְׁטֶעלְן צְוֶועלְף שְׁבָטִים, אוּן פוּן דִי שְׁטֵיינֶער הָאט עֶר גֶעבּוֹיט דִי מִזְבֵּחַ (בְּרֵאשִׁית כח, יח).

"מַעֲשֵׂה אָבוֹת סִימָן לְבָנִים" (עַיֵּין תַּנְחוּמָא לֶךְ לְךָ, סִימָן ט), יַעֲקֹב אָבִינוּ לֶערְנְט אוּנְז, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווִיל בּוֹיעֶן אַ מִזְבֵּחַ, עֶר ווִיל מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת - זָאל עֶר אַרַיינְלֵייגְן אַרְבֶּעט אִין חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, דִי מִזְבֵּחַ פוּן אַ אִיד דַארְף זַיין זַיינֶע קִינְדֶער, חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדָה, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע עֲבוֹדָה. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיי מִיר אִיז חָשׁוּב מְחַנֵךְ צוּ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי תִּיקוּן חֲצוֹת"; רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעוָואלְט גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, פְלֶעגְט עֶר וַוארְטְן זֵיי זָאלְן אַהֵיים קוּמֶען פוּן חֵדֶר, וָואס דֶעמָאלְט פְלֶעגְט עֶר זֵיי מְחַנֵךְ זַיין צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט פוּן גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז בַּיי אִים אַזוֹי חָשׁוּב פִּינְקְט וִוי דִי עֲבוֹדָה פוּן זָאגְן חֲצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת וישלח, שנת תשפ"ה)


## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -


צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com


קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876